# ווּיכטיגע העלט קאוד פאדערונגען פאר שולע-באזירטע טשיילד קעיר פראגראמען

א שולע באזירטע טשיילד קעיר (school-based child care, SBCC) פראגראם איז סיי וועלכע פראגראם וואס:

- שטעלט צו קעיר און אנווייזונגען פאר קינדער פון דריי ביז פינף יאר
- געפינט זיך אין אדער איז טייל פון א שולע

SBCC פראגראמען זענען רעגולירט אונטער ארטיקל 43 פון די ניו יארק סיטי (NYC) העלט קאוד. צו לייענען אלע פארלאנגען געשילדערט אין ארטיקל 43, באזוכט **on.nyc.gov/article-43-health-code**.

די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונט און גייסטישע היגיענע (די העלט דעפארטמענט) זוכט אונטער SBCC פראגראמען כאטש איין מאל א יאר וועגן נאכקומען העלט קאוד פאדערונגען. אויב די אינספעקטאר באמערקט א פארלעצונג, וועלן זיי צושטעלן א באריכט שילדערנדיג די צושטאנד און די דאטום ביז ווען עס מוז ווערן פאררעכטן. די אינספעקטאר קען דורכפירן א נאכפאלגונג אונטערזוכונג צו קוקן אויב די פאררעכטונגען זענען געווארן געמאכט. אויב פראגראמען פארפעלן נאכצוקומען, קענען זיי געגעבן ווערן א מעלדונג פון פארלעצונג און זיין אויסגעשטעלט צו שטראפן.

**<u>מעלדונג פון פיילינג</u>**

SBCC פראגראמען מוזן אריינגעבן א מעלדונג פון פיילינג צו די העלט דעפארטמענט און עס האלטן פריש.

צו עפענען א נייע SBCC פראגראם:

1. געבט זיך איין אנליין פאר א נייע רעקארד ביי **nyc.gov/dohmhpermits**.
2. געבט אריין א מעלדונג פון פיילינג אפליקאציע (אוועילעבל ביי **nyc.gov/nycbusiness/description/school-based-child-care-provider-registration-notice-of-filing**) און סערטיפיקאט פון וואוינונג צו **childcareinfo@health.nyc.gov**.
3. נאך איר געבט אריין די מעלדונג פון פיילינג און גייט דורך אן ערשטע אונטערזוכונג, וועט די העלט דעפארטמענט אייך געבן א סערטיפיקאט פון פיילינג.

צו אפדעיטן א מעלדונג פון פיילינג, אימעילט צו **childcareinfo@health.nyc.gov** אויב סיי וועלכע פון די פאלגענדע סיטואציעס זענען גילטיג:

- אייער קאנטאקט אינפארמאציע האט זיך געטוישט.
- עס איז דא א נייע פרינציפל אדער עדיוקעשאן דירעקטאר.
- איר דארפט פאררעכטן א טעות אין די ארגינעלע סערטיפיקאט פון פיילינג.
- די לאקאציע פון אייער SBCC פראגראם האט זיך געטוישט.

**<u>צאל שטאב מיטגלידער פער קינד</u>**

האלט אן די געפאדערטע צאל שטאב מיטגלידער פער קינד (זעט די טאוול אויף די קומענדיגע בלאט):

| עלטער פון קינדער | צאל שטאב מיטגלידער פער קינד |
|---|---|
| 3 יאר ביז אונטער 5 יאר | 1 פאר יעדע 20 פאר קלאסצימער אקאדעמישע אקטיוויטעטן |
| 4 יאר ביז אונטער 5 יאר | 1 פאר יעדע 12 פאר אלע אקטיוויטעטן (אויסער קלאסצימער אקאדעמישע אקטיוויטעטן) |
| 3 יאר ביז אונטער 4 יאר | 1 פאר יעדע 10 פאר אלע אקטיוויטעטן (אויסער קלאסצימער אקאדעמישע אקטיוויטעטן) |
| 5 יאר ביז אונטער 6 יאר | 1 פאר יעדע 25 פאר אלע אקטיוויטעטן |

שטאב מיטגלידער וואס זייער פארגאנגענהייט איז נישט געווארן אונטערזוכט און באשטעטיגט זענען נישט ערלויבט צו האבן פארבינדונג מיט די קינדער אן אויפזיכט.

**<u>עפינעפרין אויטא-אינדשעקטארס</u>**

האט צוויי עפינעפרין אויטא-אינדשעקטארס אויפן פלאץ, גרינג צוצוקומען פאר איינגעשטעלטע און וואו קינדער קענען נישט צוקומען.

**<u>טעגליכע רייניגונג</u>**

האלט די פאסיליטי ריין, דאס נעמט אריין קיכן, קלאסצימערן און בית כסא'ס.

**<u>עסנווארג אנגרייטונג</u>**

אויב גרייט איר אן עסן אויפן פלאץ, זאלט איר אלעמאל אוועקלייגן, צוגרייטן און סערווירן עסן אין איינקלאנג מיט ארטיקל 81 פון די העלט קאוד (אוועילעבל ביי **on.nyc.gov/article-81-health-code**).

- האט א גילטיגע עסן סערוויס עסטעבלישמענט פערמיט (אויך באקאנט אלס א סעטעלייט קאך פערמיט).
- האט צוגעשטעלט הייסע און קאלטע עסן האלטערס.
- קויפט עסן פון באשטעטיגטע ערטער.
- האט א עסן-סערוויס אויפזעהער מיט א פוד פראטעקשאן סערטיפיקאט אין אמט.

**<u>בליי אין וואסער</u>**

מאכט זיכער אז טרינק וואסער פון אלע קראנען און פאונטענס פארמאגן נישט הויכע בליי שטאפלען.

- טעסט אלע טרינק וואסער נוצענדיג א העלט דעפארטמענט-באשטעטיגטע פראטאקאל אין די 60 טעג פון ארויסשיקן א מעלדונג פון פיילינג. געבט אריין די רעזולטאטן צו אייער העלט דעפארטמענט בארא אפיס.
  - פאר א ליסטע פון בארא אפיסעס, באזוכט **on.nyc.gov/borough-office-locations**.
- געבט אריין און באקומט א באשטעטיגונג פאר א פאררעכטונגס פלאן אויב טעסט רעזולטאטן זענען פונקט אדער מער פון 15 חלקים פער ביליאן און הייבט אן פאררעכטיגונגס ארבעט.
- טעסט נאכאמאל קראנען און פאונטענס יעדע פינעף יאר. סיי וועלכע מקור וואס קען גענוצט ווערן פאר טרינקען מוז ווערן אונטערגעזוכט.
- אויב האט איר פראגעס וועגן טעסטן פראטאקאלן אדער וועגן פאררעכטיגונגס ארבעט, רופט אייער בארא אפיס.

**<u>בליי אין פעינט:</u>**

מאכט זיכער אז אייער פאסיליטי איז פריי פון שיילנדע בליי-באזירטע פעינט.

- באקוקט אז אלע פעינט איז גאנץ.
- פאררעכט אלע שיילענדע פעינט. רעכנט שיילענדע פעינט וואס איר ווייסט נישט צו דאס איז בליי צו זיין בליי-באזירט.
- געבט אריין א יערליכע סורוועי (אוועילעבל ביי **on.nyc.gov/annual-lead-paint-survey**) צו אייער בארא אפיס אויסער אויב איר האט געטעסט די פעינט און עס געוויזן צו זיין בליי-פריי.

**<u>בליי אין זאמד</u>**

פאר איר הייבט אן סערוויס, טעסט די זאמד אין דרויסנדיגע פלעצער גענוצט דורך קינדער יונגער ווי זעקס יאר פאר בליי און פאררעכט אויב נויטיג.

**<u>דאקומענטאציע פאדערונגען</u>**

זיכערהייט פלאן:

- איר מוזט האבן א געשריבענע זיכערהייט פלאן אויפן פלאץ און אין א פלאץ גרינג צוצוקומען.
- די מענטש פאראנטווארטליך מוז זיין גרייט צו איינפירן די זיכערהייט פלאן.
- גייט איבער אייער זיכערהייט פלאן באטש איין מאל א יאר און אפדעיט עס ווי עס פעלט אויס.

מעדיצינישע רעקארדס פאר קינדער:

- אלע קינדער מוזן באקומען א פולע עלטער-פאסיגע מעדיצינישע אונטערזוכונג פאר זיי ווערן אריינגעלאזט צו די פראגראם.
- אלע קינדער מוזן ווערן אימיוניזירט קעגן דיפטעריע, טעטענוס, פערטאסיס, פאליאמייעלייטיס, מיזעלס, מאמפס, רובעלא, ווערריסעלא, העפיטייטיס B, נומאקאקעל דיזיז און העמאפילוס אינפלואינזע סארט b (Hib). אין צוגאב, מוזן אלע קינדער אין עלטער פון זעקס מאנאטן ביז אונטער זעקס יאר ווערן אימיוניזירט יעדע יאר פאר דעצעמבער 31 קעגן אינפלוענזא (פלו).
  - ווערט געוואר מער ביי **schools.nyc.gov/school-life/health-and-wellness/immunizations**.

מעדיצינישע רעקארדס פאר איינגעשטעלטע:

- אלע שטאב מיטגלידער מוזן צושטעלן א פיזישע אונטערזוכונג סערטיפיקאט פון א לייסענסנד העלט קעיר פראוויידער מיטן דאטום אין די לעצטע צוויי יאר.
- אלע שטאב מיטגלידער מוזן צושטעלן רעקארד פון אימיוניזאציע פאר:
  - צוויי דאזעס פון מאמפס-ענטהאלטנדע וואקסין
  - איין דאזע פון רובעלא-ענטהאלטנדע וואקסין
  - צוויי דאזעס פון וואריסעלא-ענטהאלטנדע וואקסין (פאר טשיקנפאקס)
  - איין דאזע פון טעטענוס, דיפטעריע און עיסעליולער פערטאסיס (TDap) וואקסין

איינגעשטעלטע סקרינינג:

- איינגעשטעלטע מיטגלידער אויפגענומען אום אדער נאך סעפטעמבער 25, 2019, מוזן ווערן פינגער-אפגעדריקט ביי IdentoGo, (א פינגער-אפדרוקונג פראוויידער) און אריינגעבן אן אנליין קלירענס פארלאנג בויגן ביי **nyc.gov/site/doh/business/permits-and-licenses/child-care-school-based.page**. די פינגער-אפדרוק רעסיט מוז ווערן ארויפגעלאודט מיט די אנליין בויגן. פראגראמען מוזן האלטן א קאפיע פון די אויספירליכע בעקגראונד טשעק בריוו פאר יעדע איינגעשטעלטע מיטגליד אויפן פלאץ.

- איינגעשטעלטע מיטגלידער אויפגענומען פאר סעפטעמבער 25, 2019, זאלן שווין האבן ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון אינוועסטיגאציע (Departmet of Investigation, DOI) פינגער-אפדרוק רעקארדס און וועלן ווערן געפאדערט צו צושטעלן אינספעקטארס מיט באווייז ביי אונטערזוכונגען. אויב איינגעשטעלטע מיטגלידער אויפגענומען פאר סעפטעמבער 25, 2019, קענען נישט צושטעלן באווייז פון DOI פינגער-אפדרוק רעקארדס ביי די צייט פון אונטערזוכונג, וועלן זיי דארפן ווערן געדרוקט נאכאמאל נאכפאלגענדיג די פראצעדור פאר נייע איינגעשטעלטע.
- אלע שטאב מיטגלידער מוזן האבן דריי רעפערענסעס.

**<u>שטאב טרענירונג</u>**

די פאלגענדע טרענירונגען זענען פארלאנגט פאר אלע פראוויידערס. האלט די טרענירונג סערטיפיקאטס פאר שטאב מיטגלידער אויפן ארט און מאכט זיי צוגעלייגט צו די העלט דעפארטמענט אויפן פארלאנג:

| טרענירונג טעמע | פארלאנגט פאר | טרענער אינפארמאציע |
|---|---|---|
| **עפינעפרין אויטא-אינדשעקטארס** | איינגעשטעלטע (צום ווייניגסטנס איין איינגעשטעלטע מיטגליד וואס איז טרענירט צו איינגעבן אן עפינעפרין אויטא-אינדשעקטאר מוז זיך געפינען אויפן פלאץ אלעמאל) | **קאוד אנא פראגראם**<br>טעלעפאן: 434-924-5310<br>**אמעריקאנער רויטער קרייץ**<br>קורס: אנאפילאקסיס און עפינעפרין אויטא-אינדזשעקטאר<br>טעלעפאן: 800-733-2767<br>**פראפעסיאנאלע דאוועלאפמענט פראגראם פריע (Professional Development Program, PDP)**<br>**טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם**<br>קורס: מעדיקעישאן אדמיניסטראציע טרענירונג<br>טעלעפאן: 518-442-6575<br>**PDP פריע טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם**<br>קורס: אידענטיפיצירן און רעאגירן צו אנאפילאקסיס: עליידזשע'ס געזעץ |
| **עמערדשענסי גרייטקייט** | אלע איינגעשטעלטע ביז דריי מאנאטן פון ווערן אויפגענומען | **PDP פריע טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם**<br>קורס: עמערדשענסי גרייטקייט אנליין טרענירונג |
| **טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג** | אלע לערנער איינגעשטעלטע יעדע 24 מאנאט | **געפאדערטע רעפארטער ריסאורס צענטער**<br>קורס: געפאדערטע רעפארטער אנליין טרענירונג (פאר ניו יארק סטעיט)<br>טעלעפאן: 800-836-0903 |
| **אנטציגדונג קאנטראל** | אלע לערנער איינגעשטעלטע ביז דריי מאנאטן פון ווערן אויפגענומען | **PDP פריע טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם**<br>קורס: פאונדעישאן אין העלט און זיכערהייט |
| **CPR און ערשטע הילף** | איינגעשטעלטע (צום ווייניגסטנס איין איינגעשטעלטע מיטגליד וואס איז טרענירט אין CPR און ערשטע הילף מוז זיך געפינען אויפן פלאץ אלעמאל) | **אמעריקאנער רויטער קרייץ**<br>טעלעפאן: 212-875-2430<br>**אמעריקאנער הארץ אסאסיאציע**<br>טעלעפאן: 800-242-8721 |

די פאלגענדע טרענירונג זענען געפאדערט פאר באקומערס פון די טשיילד קעיר אנטוויקלונג בלאק גרענט געלטער און פרייוויליג פאר פראוויידערס וואס באקומען נישט די געלטער:

| טרענירונג טעמע | פארלאנגט פאר | טרענירער אינפארמאציע |
| --- | --- | --- |
| **אויפגעשאקלטע בעיבי סינדראם און פלוצלינגדיגע בעיבי טויט סינדראם (SIDS)** | אלע איינגעשטעלטע | **PDP פריע טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם**<br>קורסעס: פארמיידן פלוצלינגדיגע בעיבי טויט סינדראם און שטיצן פארזיכערטע שלאפן; פארמיידן און באמערקונג פון מוח שעדיגונג, דאס נעמט אריין אביוסיוו קאפ טראומא (AHT) |
| **מענטל העלט ערשטע הילף** | אלע לערנען איינגעשטעלטע | **ניו יארק סטעיט אסאסיעישאן פאר אינפענט און מענטל העלט**<br>קורס: אינפענט/פריע טשיילדהוד (IECMH) עיקרים קורס **עמאציאנאלע אנטווארט פראקטיק (ERP) ביי Bank Street**<br>קורס: טשיילד מענטל העלט (ערשטע הילף פאר טשיילד קעיר פראוויידערס)<br>טעלעפאן: 212-961-3430 |
| **קאגניטיוו, סאציאל אמאציאנאל און פיזישע דאוועלאפמענט** | אלע לערנען איינגעשטעלטע | **PDP פריע טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם**<br>קורסעס: בעיבי מוח אנטוויקלונג; סקול יארגאנג טשיילד קעיר; פריע אינטערוועצירונג; פאונדעישאנס אין העלט און זיכערהייט עלעקטראנישע לערנען; אביסעטי פארמיידונג **צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג**<br>קורס: באטראכט מיר! פייערן דערגרייכונגען און מיטיילן זארגן |
| **פאמיליע מיטארבעט** | אלע לערנען איינגעשטעלטע | **PDP פריע טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם**<br>קורס: פאמיליע מיטארבעט |